# ליל שבת קודש פרשת וישלח ה'תשמ"א

פרייטאג צו נאכט'ס ביי די ערשטע סעודה, האט מוהרא"ש שליט"א געשמועסט גיוואלדיגע מורא'דיגע דיבורים, אויפן רבינ'ס רייד אין ספה"ק ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' פט, וואס שמועסט פון דער זכרון פון די שכינה'ס עליה [ארויפגאנג], עיין שם.

און האט מוהרא"ש שליט"א אנגעהויבן: זאגט דער הייליגער רבי ז"ל עס שטייט (תהלים ח), ותחסרהו מעט מאלקים וכבוד והדר תעטרהו. און עס איז דאך באוסט אז אלעם וואס עס פעלט א מענטש'ן סיי אין רוחניות און סיי אין גשמיות, דעם חסרון איז אין די שכינה, וואס זי איז א בחינה פון שם 'אלקים'. און דאס איז 'ותחסרהו', א ודאי 'מעט מאלקים', דאס הייסא, אז דער חסרון איז ודאי פון אלקים, דאס הייסט אין די שכינה, אבער ווען ער וועט דאס וויסן, אז דער חסרון איז אויבן מיט אונטן וועט ער א ודאי האבן גרוים צער און עצבות, און ער וועט נישט קענען דינען דער אייבישטער מיט שמחה. דעריבער דארף ער זיך אליין ענפערן, מה אני ומה חיי, אז דער קעניג אליין דערציילט מיך זיין חסרון, עס איז דען דא א גרעסערער כבוד דערפון? און דורך דעם קומט ער צו א גרויסע שמחה, און זיינע מוחין ווערן באנייעט. און דאס איז דער פשט – 'וכבוד והדר תעטרהו', אז דורך דער כבוד מיט דער הדר [דאס שיינקייט] וואס ער האט, אז דער קעניג אליין דערציילט איהם זיין חסרון, וועט איהם באשיינען מיט נייע מוחין; ביז א הער איז דעם רבינ'ס לשון.

און מוהרא"ש שליט"א, האט מסביר געווען, אז מ'קען גארנישט פארשטעלן דעם געוואלדיגע גרויסקייט פון א יעדער יוד, וואס ער איז כלול פון אלע עולמות, און ער האט א הייליגע און ריינע נשמה וואס קומט פון עולם האצילות, דעריבער די גאנצע באשעפעניש הענגט אין איהם, און טאמער א מענטש האט עפעס א ווייטאג אדער א פעלער סיי א גייסטישע און זיי א מאטריאלישע א ודאי האט דאס צו טאן מיט די שכינה הקדושה, ווייל דאס רוהונג פון די שכינה וואס זי רוהט אויף יעדער איד, אזוי ווי עס שטייט (שמות כ"ה) ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, און זאגן חז"ל (מובא בשל"ה מסכת תענית דף ס') בתוכה לא נאמר, אלא בתוכם, מלמד שהקדוש ברוך הוא משרה

שכינתו בתוך כל אחד מישראל. קומט אוים אז אויב א יוד האט עפעם א חסרון, דאס איז אין די שכינה, און זי איז זיך מצטער אין יודישע צרות, אזוי ווי עס שטייט (תהלים צ"א) עמו אנכי בצרה, און אויך (ישעיה ס"ג) בכל צרתם לו צר.

און דאס איז דער פשט פון ותחסרהו, אויב דו האסט עפעס א חסרון, דער חסרון איז 'מעט מאלהים', אין די שכינהווייל דאס אנטפלעקונג פון די שכינה אינעם טבע ווערט אנגערופן אינעם שם אלהי"ם, וואס באטרעפט הטב"ע, כידוע, ווייל אפילו אז לויט אונזער אויגן זעהן קומט אלעס דורך א טבע, מקרה ומזל, אבער מיט אן אמת עס איז בייהאלטן דארטן דער גאט, אז די שכינה הקדושה געפינט זיך דארט, און זיך איז זיך מצטער אינעם אידישע צער און מ'דארף אנפילן אירע פעלער.

און ווען א מענטש וועט דאס וויסען, און ס'וועט איהם זיין ריכטיג קלאר, אז אלעס וואס געשעהנט מיט איהם, געשענט מיטן שכינה הקדושה, ווייל ער דערקענט די גרויסקייט און די הייליגקייט פון זיין נשמה, וואס איז ממש  א חלק אלוק ממעל, און עס איז גארנישט קיין טבע פארהאנען, איז א ודאי וועט איהם אנקומען א גרויסע טרויליגקייט ווען ער וועט זעהן עפעס אן חסרון, ווייל עס איז נישט גענוג אז ער אליין ליידט עפעס א צער מיט א חסרון אין רוחניות און אין גשמיות, אויך די שכינה הקדושה האט דעם זעלבן צער, אויב אזוי וועט ער נישט קענען דינען דער אייבישטער מיט א פרייליכער הארץ, און דער עיקר מעלה מיט שלימות העבודה איז דאך נאר מיט א ריכטיגע אמת'ע פרייליכקייט, אזוי ווי עס שטייט (דברים כ"ח) תחת אשר לא עבדת את הוי"ה אלהיך בשמחה ובטוב לבב מרוב כל, אויב אזוי ווי אזוי וועט ער קענען אויפהייבן זיין מח אנצוקומען צו שמחה?

נאר ער דארף זיך ענטפערן, וואס בין איך, און וואס איז מיין לעבן, אז דער קעניג אליין וועט מיר דערציילן זיין חסרון, כי ווייל מיט דעם אליין אז א מענטש האט א חסרון, דאס הייסט אז דער באשעפער פארציילט איהם כביכול אז דער חסרון איז דא אינעם שכינה הקדושה, איז דען דא א גרעסערע כבוד פון דעם, אז דער קעניג אליין פארציילט איהם זיין חסרון? ווייל נאר פאר איינעם וואס איז איהם זייער נאנט וועט ער איהם פארציילן



breslevcity.co.il

זיינע זאכן און נישט פאר א פרעמדער. און דורך דעם קומט ער צו א גרויסע שמחה ווייל דאס איז א מורא׳דיגע שמחה אז דער קעניג פארציילט איהם זיין חסרון. און דורך די שמחה ווערט נתחדש זיינע מוחין, און מיט דעם אליין וועט נשלם ווערן אלע זיינע חסרונות, ווייל בשעת ווען א מענטש איז בשמחה, און ער דערקענט מיט א קלארע און ריכטיגע ידיעה אז עס איז גארנישט פארהאנען קיין שום מציאות אויזער דער אייבישטער ית״ש, ס׳פעלט איהם דאך גארנישט, אזוי ווי עס שטייט (דברים ב׳) ה׳ אלהיך עמך לא חסרת דבר, און אזוי זאגן חז״ל (נדרים מ״א.) דעת קנית מה חסרת. באקרוינט ער זיך מיט דעם, מיט נייע מוחין, א בחינה פון ׳כבוד והדר תעטרהו׳, און דאס איז דער עיקר עליה פון די שכינה, קומט אויס, אז פון די טיפע ירידה קערט ער איבער צו די תכלית העליה, ווייל פון די גרויסע עצבות מיט ווייטיג, קומט ער צו, צום שמחה מיט עונג, און ער דערנענט זיך צום באשעפער, און דאס איז דער עיקר דביקות, וואויל איז דער וואס איז זוכה דאס צו דערגרייכן.

און מוהרא״ש שליט״א האט געזאגט, אז צום מערסטע דארף מען נזהר זיין אין יעדער פלאץ וואס רוהט דארטן השראת השכינה, אזוי ווי אין בית הכנסת ובבית המדרש, זאל נישט זיין קיין שום חסרון אדער א פגם, חס ושלום. ווייל מיט דעם מאכט ער שאנדע אין די שכינה הקדושה חס ושלום, אזוי ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש (תרומה קל״א ע״ב), און מען דארף זייער אכטונג געבן נישט רעדן קיין דברים בטלים אין שוהל, און כל שכן נישט דיבורים אסורים, חס ושלום, ווייל דארטן איז דאס זייער א גרויסער פגם, און נאר בדוחק האט מען מתיר געווען עסן און טרינקן אין שוהל (שולחן ערוך אורח חיים סי׳ קנ״א), און אפילו ׳אסותא׳ [צום געזונד] טאר מען נישט זאגן אין בית המדרש (שולחן ערוך יורה דעה סי׳ רמ״ו), ווייל אין אן ארט וואס איז דא דארט השראת השכינה דארף מען זייער אכטונג געבן נישט טוהן עפעס א חסרון, ווייל דאס איז זייער א הארבע זאך, און דער אר״י הקדוש האט אונז שוין מגלה געווען, אז דער כבוד פון שוהל איז זייער וויכטיג צום שלימות פון א מענטש׳ן און קונה זיין השגה, אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין שער הכוונות (דרושי כוונות הברכות הקדמה א׳) דער



breslevcity.co.il

וואס גייט אריין אין שוהל, דארף זייער אכטונג געבן זיך פארזאמען אביסל אינעם טיר פארן אריינגיין, און זיך ווייזן פארכטיג און ציטערדיג אריינצוגיין אינעם פאלאץ פונעם וועלט׳ס קעניג, און דער ענין העלפט זייער אנצוקומען צו די מענטשנ׳ס שלימות און צו זיין השגה, עיין שם, דעריבער, וואויל איז דער וואס איז זוכה אכטונג צו געבן אלעמאל אין די קדושה פון בית הכנסת ובית המדרש.

און מוהרא״ש שליט״א האט פארציילט, אז ווען ער איז א יונג בחור געווען, האט ער זוכה געווען צו באגלייטן איינער פון די גרעסערע פון אונזערע לייט, וואס איז געווען א גרויסער מקובל און זייער בקי אין זוהר הקדוש, אמאל האט ער באמערקט אז פאר ער איז אריין אין עפעם א שוהל איז ער אנגעפילט געווארן מיט פארכט און ציטער פחד, און זיין גאנצע גוף האט זיך געטרייסלט, זיינע פנים זענען בלאז געווארן, און דערנאך איז ער אריינגעגאנגען אין שוהל אריין... און מוהרא״ש שליט״א האט פארשטאנען, אז ער איז משתדל מקיים צו זיין די איבנדערמאנטע ווערטער פונעם אר״י הקדוש, און דאס האט איבערגעלאזט אויף איהם א געוואלדיגער רושם.

און מוהרא״ש שליט״א האט אויך פארציילט, אמאל האט ער געדאוונט אינעם שוהל פון אונזערע לייט אין ירושלים, און איינער פון אונזערע לייט איז געשטאנען נעבן טיר, און האט איהם מרמז געווען מיט זיינע פינגער, ער זאל ארויסגיין נאך איהם פון שוהל, ווייל ער האט איהם וואס צו דערציילן. און מוהרא״ש שליט״א האט דעמאלס נישט געוואלט ארויסגיין פון בית מדרש אז. דעריבער האט ער איהם צוריק מרמז געווען, אז ער וויל נישט יעצט ארויסגיין נאר שפעטער. נאך א קורצע ווייל, איז מוהרא״ש שליט״א ארוים פון שוהל און האט געטראפן יענער מענטש, און האט גערעדט מיט איהם מיט גרוים חביבות, און דער איד האט באדאנק מוהרא״ש שליט״א אויף זיינע הייליגע ספרים און אז פון זיי שעפט ער זיין גאנצע חיות מיט התחזקות. דעמאלס האט ער זיך אנשולדיגט אז ער האט געמוטשעט ארוים צו גיין פון שוהל, נאר ווייל ער האט שוין לאנגע יארן זיך אינטערגענומען נישט צו שמועסן אין שוהל, דעריבער האט ער איהם מרמז געווען ארויסגיין פון שוהל. און מוהרא״ש שליט״א האט געזאגט, אז עם איז



breslevcity.co.il

איהם זייער געפאלן די גרויסע זהירות פון יענער איד נישט צו רעדן אין שוהל, אפילו א גוטע און א חשוב'ע ווארט. וואויל איז דער וואס איז זוכה אכטונג צו געבן אין קדושת בית הכנסת אזוי ווי עם ברויך צו זיין.

און מוהרא"ש שליט"א האט מקשר געווען דאס דאזיגע ענין צו די וואכעדיגע סדרא מיט א קשר נורא ונפלא מאד, ווייל מיר טרעפן אין פרשת השבוע דאס געשיכטע פון דינה בת יעקב, און ווי אזוי האט שכם בן חמור איר גענומען און געפייניגט, און זאס איז געווען זייער א נידערטראכטיגע זאך, וואס האט א ודאי גורם געווען א גרויסע צער פאר די שכינה הקדושה, ווייל אלעם וואס איז געשעהן אין דער שטוב פון יעקב'ן, וואס ער איז שורש נשמות ישראל, רירט אן אין אלע נשמות ישראל בכלל, און צו די שכינה הקדושה בפרט. דעריבער שטייט (בראשית ל"ד) ובני יעקב באו מן השדה כשמעם ויתעצבו האנשים ויחר להם מאד כי נבלה עשה בישראל וגו', ווייל זיי האבן געהאט זייער א גרויסער צער אז זיי האבן געהערט אז מיאוס'ע דבר נבלה, און דאס האט זיי גורם געווען א גרויסע צארן, ווייל זיי האבן געשפירט דער צער פון די שכינה הקדושה. אבער זיי האבן זיך גנוצט די רבינ'ס עצה, אז א וודאי מוז מען דינען השם יתברך מיט שמחה, און פאררעכטן און אנפילן די שכינה'ס חסרון, דעריבער האבן זיי אן עצה גענומען ווי אזוי נוקם צו זיין אין אנשי שכם. און די עצה איז דווקא איז געווארן דורך שמעון ולוי, אזוי ווי עם שטייט (בראשית ל"ד) ויקחו שני בני יעקב שמעון ולוי אחי דינה איש חרבו ויבואו על העיר בטח וגו'. ווייל שמעון ולוי זענען מרמז אויף דער ענין פון די צוויי בחינות – א געפיל אין דער צער פון די שכינה הקדושה, איר פרייד און איר טרייסט, ווייל שמעון איז אויפן נאמען פון שמיעה [ - הערן], א בחינה (בראשית כ"ט) כי שמע ה' כי שנואה אנכי, ד. ה. הערן און פארשטיין דער צער פון די שכינה הקדושה, און לוי איז אויפן נאמען פון חיבור מיט דביקות [באהאפטן און זיך אנקלעבן], א בחינה פון (שם) הפעם ילוה אשי אלי וגו', דאס הייסט, זיך מדבק זיין און מזווג זיין אינעם שכינה הקדושה דורך שמחה, וואס ער מאכט זיך פריילך, אז דער קעניג דערציילט מיר זיין חסרון, און ס'איז נישט דא קיין גרעסער שמחה דערפון, דורך דעם איז ער זוכה



breslevcity.co.il

זיך מדבק זיין אינעם אייבישטער, און אנצוקומען צו גדלות המוחין. דערפאר די נקמה פון שכם איז געווען דורך שמעון ולוי דייקא, ווייל זיי ביידע זענען מרמז אויף די צוויי בחינות פון זיך אנטיילן אינעם צער פון די שכינה און איר פרייד. און השם יתברך וועט אונז מזכה זיין, זיין געבונדן און דבוק באמת אינעם אייבישטער, און אלעמאל אנצופילן דער חסרון פון די שכינה ביז מ'וועט זוכה זיין צו זעהן אינעם אויסלייזונג און די געהאלפן ווערן פון יודישע קינדער- במהרה בימינו אמן ואמן.



breslevcity.co.il